# טעמו וראו

מכון טעמו וראו

גילוי רצון ה' למעשה

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

• גיליון ס"ט - פר' וישב תשפ"א •

## נסיונות, דערהייבן דעם מענטש

**ווען מען גייט אריבער א נסיון באקומט מען אזא מין "אור"**

איינע פון די הויפט יסודות וואס מ'לערנט ארויס אין פרשת וישב: עס טוט זיך א מעשה מיט יוסף הצדיק. ער האט א נסיון. זיין באלעבאסטע פון שטוב, די האר'נטע, שטעלט עהם אונטער א נסיון - און ער אנטלויפט פון דעם, ער האט זיך מתגבר געווען.

נארמאל, א מענטש (און אסאך מאהל איז דאס אזוי אויף די וועלט) ווען ער גייט אריבער א נסיון באקומט ער א באזונדערע השפעה, אזא מין "אור" פון הימל, אזא מין געפיהל פון קדושה, אזא "הציץ עליו בעל הבירה", ער באקומט אזא גוטע מינוט ווייל ער איז טאקע נתעלה געווארן, ער האט זיך מתגבר געווען אויף א נסיון.

ער באקומט אזא קדושת "אשר קידשנו במצוותיו". בפרט אויף נסיונות. ווייל "נסיון", איז א לשון "ושים אותו על נס". ס'איז דערהייבט דער מענטש, ער ווער הויך.

**"שבע יפול צדיק וקם"**

אבער, דא אין פרשה זעהט מען א מוירעדיגע יסוד. ס'איז ידוע אז 'יוסף' הייסט 'יוסף הצדיק', 'קדושת יוסף', 'קדושת היסוד'.

ס'איז דא א פסוק "שבע יפול צדיק וקם", אז דער צדיק פאלט, און הייבט זיך אויף. און ער פאלט און ער הייבט זיך אויף... - אזוי זיבן מאהל - וואס איז דער פשט? דא אין די מעשה זעהט מען דאס, יוסף הצדיק, נאך זיין התגברות, צו ווי קומט ער אן? ער קומט אן אין אזא שפלות, מ'לייגט עם אריין אין א בור, אוואו איז דער שכר?! אוואו איז דער גרויסע אור?! נאר, ער פרעגט נישט קושיות און ער דינט ווייטער דעם אויבערשט'ן.

**ס'קען אמאהל ווערן מער טונקעל**

און דאס איז דער יסוד וואס דער צדיק לערנט אונז: האסט זיך מתגבר געווען, ס'מוז נישט זיין אז פון יעצט גייט דיר ווערן אזוי ליכטיג און אזוי געשמאק - ניין, ניין! קען זיין ס'גייט ווערן נאך מער טינקעלער ווי פריער. און דו זאלסט ווייטער ארבעטן, און ווייטער ארבעטן און ווייטער ארבעטן.

אזוי ווי א קערל, וואס מ'לייגט דאס אריין אין דער ערד, און ס'ווערט פארפוילט. אבער צום סוף קומט ארויס א גרויסער בוים. טאמער איינער וועט טשעפען אינמיטן ווען דער קערל איז פארפוילט, וועט די קערל נישט וואקסן, ער דארף דאס לאזן ביז ווען ער וואקסט ארויס א בוים, און ער דארף זיין געדולדיג, און נישטווארטן צו זעהן גלייך פירות.

**פארליר זיך נישט, נאר גיין ווייטער**

די זעלבע זאך א מענטש, ווען ער זעהט נישט באלד גוטע תוצאות פון א התגברות. נישט קיין חילוק צו ס'איז אמאל א אינגל, אדער א בחור - וואס האט זיך אונטערגענומען א התגברות פון נישט רעדן ביים לערנען, ער האט געמיינט אז ס'וועט עם ווערן גרינגער - ניין. מארגן, ווידער נסיונות, פונקט איז דא עפעס נייעס וואס אלע רעדן, און ער וויל ווייטער נישט רעדן ביים לערנען. צו ס'איז נישט רעדן פארן דאווענען... יעדער איינער מיט זיינע גדרים וסייגים, און זיינע נקודות. און ער איז זיך שוין איין טאג מתגבר און ווייטער פאלט ער דארך, און נאך אמאהל איז ער זיך מתגבר... וועט ער שוין מיינען: 'פארפאלן' - ניין! ס'איז ידוע דער ווארט "שבע יפול צדיק וקם", פארוואס רופט

מען עם צדיק? נישט וועגן דעם "יפול", פאר יפול קומט זיך נאך נישט די ווארט "צדיק". דער "וקם", שטעלט זיך צוריק אויף, און פארלירט זיך נישט און גייט ווייטער.

### א קייט פון נסיונות

דער יסוד נעמט מען פון יוסף הצדיק, ער שטייט אין 'ערוות הארץ', אין מצרים, און ער איז ווייטער מקושר צום באשעפער, מיט די אלע אדורכגאנגען וואס ער גייט אדורך, ס'איז עם שווארץ געווארן די אויגן, מ'פארקויפט עם פאר א קנעכט, א קנעכט איז דער טייטש א מענטש וואס האט אינגאנצן נישט קיין אייגענע דעה, אינגאנצן נישט! און טאמער דאס איז נישט גענוג, ער דינט ווייטער דעם אויבערשט'ן בנאמנות, און דא ווארט עהם שוין דארט נאך א פרשה - זייער נישט קיין באקוועמע פרשה. און טאמער ס'איז נישט גענוג קומט ער נאך אן אין בור - און ער איז ווייטער דער 'יוסף הצדיק'! ווי מער ער איז דארך געגאנגען, און ער איז נאכאמאהל און נאכאמאהל, "וקם"...

### "בך יברך ישראל"

אזוי איז ער געווארן דעם 'צדיק יסוד עולם', וואס "בך יברך ישראל" "ישימך אלוקים כאפרים וכמנשה". טאקע די קינדער וואס ער האט געבוירענגט **אין** מצרים, **אין** דעם ערוות הארץ, **אין** די שווערע צייטן. און סיי דער אפרים "כי הפרנו בארץ עוניי", און סיי דער מנשה "כי נשני אלוקים את בית אבי"- מיט דעם ברכה, ווערן די אידן באגלייט אין דעם גאנצען גלות, דעם גאנצען לעבן, אנגעהויבן פון יעקב אבינו'ס צייטן, עד היום הזה "בך יברך ישראל" "ישימך אלוקים כאפרים וכמנשה".

מ'שטעלט זיך אוועק שבת ביי נאכט, מ'גייט אריין אין די העכסטע צייט, און מ'בענטשט די קינדער, וואס בענטשט מען זיי? "ישימך אלוקים כאפרים וכמנשה" אז אפילו ווען ס'וועט ווערן אינמיטן וואך, ס'גייט ווערן מער טינקעל, ס'וועט נישט שיינען דעם שבת, ס'גייט ווערן בחינת מצרים, בחינת גלות, מ'וואלגערט זיך אויף דעם וועלט... אף על פי כן, יוסף הצדיק האט אוועקגישטעלט א אפרים מיט א מנשה, אין אלע מצבים.

### נקודה למעשה

דער נקודה למעשה וואס קומט ארויס איז, אז א איד דארף נעמען פון די פרשה א יסוד, דער יסוד יוסף, פון "יוסף הצדיק". אז "שבע יפול צדיק וקם". דער "וקם" - אלעמאל זיך שטארקן, נישט ווערן פארלוירן! זיך שטארקן מיינט, אז דער אויבערשטער דארף מיר נאך ווייטער, זיך שטארקן מיינט, אז איך האב ווייטער אמונה אין באשעפער. זיך שטארקן מיינט, אז איך בין נאך יא ווערד ביים באשעפער, און נישט ווערן געפאלן ביי זיך. נישט אריינפאלן ח"ו אין א סארט עצבות, אדער א יאוש. נאר אלעמאהל זיך שטארקן אין עבודת ה'.

# 'חלומות'

### וואס מיינט דאס חלומות

מיר שטיין אין פרשת וישב, אין פרשת וישב איז דא א גרויסע סוגיא, א זאך וואס ס'איז אונז נוגע למעשה כמעט יעדן טאג. אבער ווינציגסטן אין מאל אין דריי טעג. ס'איז דא די סוגיא וואס רופט זיך 'חלומות', א גרויסע סוגיא. מ'טרעפט' זיך גאנץ אסאך אין די תורה מיט דעם מושג וואס רופט זיך 'חלום'ען, א 'חלום'.

לאמיר זעהן, וואס מיינט דאס חלומות, פארוואס חלום'ט א מענטש? און וואס קומט דא פאר? ס'איז דא די באוואוסטע סוגיא, א גרויסע סוגיא - אין מסכת ברכות, וועגן חלומות, מעשיות, מיט זאכן - אן א סוף. אבער, לאמיר גיין צו די נקודה: ווי אזוי ווערט געבוירן דער חלום? וואס

### ווי אזוי ווערט געבוירן א חלום

דאס צו פשוט געבן צופארשטיין, איז אזוי, א מענטש ווען ער איז אויף - דער גאנצער גוף לעבט, די נשמה לעבט, די מחשבות טראכטן ארום, און מ'לעבט אויף די וועלט.

אבער ווען א איד לייגט זיך שלאפן, איז דאס א בחינה פון גיין אהיים. ער איז ווי א מענטש ווען ער גייט אהיים, לאמיר זען, א קינד ווען ער קומט אהיים פון חיידר פרעגט מען עם: 'וואס איז געווען אין חיידר?', מען רעדט זיך אדורך, און מ'הערט, און מ'ענטפערט. יעדער מענטש ווען ער קומט אהיים, ער בארוהיגט זיך און מ'טוט אדורך, 'וואס האסטו איינגעקויפט?', דער האט איינגעקויפט אין גרוסערי זאכן, דער האט איינגעקויפט אין אנדערע

געשעפטן זאכן, ביסט אהיים געקומען, לאמיר זען 'וואס דו האסט געברענגט?'

די נשמה קומט ביינאכט ארויף אויבן, מען קומט אהיים. לויט מיט וואס פאר א סחורה מ'קומט, דאס באקומט מען אויף צוריק. עד כדי כך, אונז טרעפן, אז דער מהלך הנבואה פלעגט גיין דארך שלאפן. ווייל א מענטש באקומט כוחות בשעת ער שלאפט, וואס ווען ער איז אויף קען ער דאס נישט באקומען, און אזוי אויך די נשמה מיט די מחשבה קענען באקומען אזעלכע כוחות, וואס ווען דער מענטש איז אויף, קען ער דאס נישט באקומען.

### ר' חיים ויטאל דערציילט

ר' חיים ויטאל ברענגט פון זיין רעבן דער אר"י הק'. אז אמאל, האט מען עם מגלה געווען שבת ביי מיטאג, ביים שלאפן. [דער אר"י הק' האט מקפיד געווען צו שלאפן שבת מיטאג, און אינמיטן וואך האט ער מקפיד געווען נישט צו שלאפן אינמיטן טאג, אבער שבת מיטאג - יא.] ברענגט ר' חיים ויטאל פון זיין רעב'ן דער אריה"ק, אז אמאל האט עם זיין רבי געזאגט: 'וואס מ'האט מיר מגלה געווען תורה אין חלום דעם שבת מיטאג - 07 יאר וועט מען דאס נישט קענען אפשרייבן! ס'איז נישט שייך צו דאס ארויפברענגען אויפ'ן שריפט - 07 יאר וועט געדוירן, און מ'וועט נישט אפשרייבן אלעס וואס מ'האט מיר מגלה געווען!

### וואס מ'טראכט ביי טאג, חלום'ט מען ביי נאכט

דאס צו פארשטיין וואס איז טאקע פשט? איז דער פשט אזוי -, לאמיר דאס ברענגען אויף א משל, [און שפעטער וועט מען דאס צוברעקלערן מער.] א מענטש קומט אן אין א שטוב - און ער גייט אריין אין א צימער, און אין דעם צימער וואס ער גייט למשל דארטן גיין שלאפן.

א איד, טאמער פארן שלאפן טראכט ער מחשבות קדושות, איז למעשה, די גמרא ברענגט מעשיות, אז וואס מ'טראכט ביי טאג - דאס חלום'ט מען ביי נאכט. ס'קוקט אויס, אז דו טראכסט ביי טאג דאס, געבט מען דיר נארישקייטן, חלומות, דמיונות... אונז וויסן נישט ווי אזוי מ'טאפט דאס אן.

### בשעת'ן שלאפן, די מוח בלייבט אויף.

ס'איז אפילו ידוע, אז מ'האט אויסגעפארשט, אז א מענטש חלום'ט יעדן נאכט, זיין מוח בלייבט אויף. אזוי ווי ער פאלט נישט אראפ פון בעט, ס'איז דא אסאך זאכן וואס פאסירט מיטן מענטשן וואס דאס קומט פון הוראות פון מוח - דער מוח שלאפט טאקע אלץ א חלק פון די גוף, אבער אויף אסאך געוויסע זאכן איז דער מוח אויף, און ער גיבט הוראות, און די מחשבה ארבייט ווייטער.

דער חלק הרוחני פון די מחשבה וואס ארבייט - איז ווען דו ביסט אריין אין א הייליגער צימער, האסט געטראכט אויף תורה, ווי ס'איז ידוע, אז א איד וואס קען נישט שלאפן זאל ער ליינען קריאת שמע נאכאמאל, אדער זאגן אסאך מאהל דעם פסוק "תורה צווה לנו" - נישט קיין חילוק וואס דאס איז. ביסטו אריין אין א הייליגע צימער, און דו האסט געברענגט מיט דיר גוטע מחשבות, וועט מען דיר אויכעט מגלה זיין גוטע מחשבות.

### מיר טרעפן אין ספרים "נתגלה לי בחלומי"

ס'איז נישט קיין פלא "נתגלה לי בחלומי", אין ספרים, אין תשובות. שאלת חלום - וואס הייסט? וואס קומט דא פאר, דו שלאפסט דאך? ניין, ניין, ס'פירט זיך א גאנצע וועלט מיטן מענטש, אין די צייט וואס ער שלאפט.

ממילא קומט אויס, אז א מענטש קען זיך אויסקלייבן, ווען ער איז אויף - האט ער א בחירה, ער קען טראכטן גוט, און ער קען טראכטן שלעכט'ס, רח"ל. אזוי אויך, פארן שלאפן קען ער מאכן א בחירה, וואס ער זאל באקומען ביים שלאפן. ער קען מאכן א 'שאלת חלום', ער קען אריינגיין ביים שלאפן מיט תורה, און במידה מסויימת האט ער שוין נישט די בחירה צו בוחר זיין די מחשבות, אבער אלעמאל פארן שלאפן האט ער געקענט בוחר זיין - און מחליט זיין, צו איך גיי זיך דרייען ביי נאכט אין א מקום קדוש, מיין מוח וועט ליגן אין א הייליגער פלאץ. און צו ח"ו פאקערט.

### פארוואס אין חלום בלא 'דברים בטלים'

ממילא, פרעגט זיך א קושיא, טאמער א חלום איז טאקע אזא גרויסע זאך, און ס'איז ידוע אז די גמרא זאגט, אז ס'איז נישט דא א חלום בלא 'דברים בטלים', אזוי ווי אין די פרשה, ביי חלום יוסף, וואס ער האט גיזעהן די לבנה, וואס איז מרמז אויף זיין מאמע, און זיין מאמע איז שוין נישט געווען...

נאר עס איז ידוע, אז דער מהרש"א דארטן, פארברייטערט דאס, וואס מיינט דא די 'דברים בטלים', וואס טוט זיך דא? סתם אזוי, צי דאס פארשטיין 'דברים בטלים' - אונז זענען צוגעוואוינט אז 'דברים בטלים' הייסט לופט. דברים בטלים הייסט נישט לופט - ס'איז

דברים, וואס וועט ווערן בטל, ער זעהט עפעס א זאך, ס'איז ידוע דער מושג: 'אספקלריה המאירה ואספקלריה שאינה מאירה'. 'אספקלריה מאירה' - ער ווייסט אז ער זעהט די זאך קלאר. 'אספקלריה שאינה מאירה' - הייסט אז ער זעהט א זאך, אבער די ארום און ארום איז נישט אזוי קלאר.

### *'אספקלריה המאירה ואספקלריה שאינה מאירה'.*

ס'איז דא די צדיקים וואס האבן געזעהן חלומות, און מ'האט זיי מגלה געווען בחלום, און ס'איז זיי געווען קלאר די גאנצע מעשה. און איינע פון די זאכן איז געווען אז זיי האבן געדענקט ווען זיי זענען אויפגעשטאנען דעם גאנצע חלום, זיי האבן געלעבט דעם חלום. זייערע מוח איז געווען אזוי אויף ביי דעם חלום, אז ווען זיי האבן זיך אויפגעכאפט זענען זיי געווען אין א פלאץ. אזוי ווי ווען א מענטש איז געווען אין א שטאט און ער איז צוריקגעקומען, זאגט ער: 'איך האב געזעהן אין א שטאט די און די זאך'. ווייל זיי האבן געזעהן 'באספקלריה מאירה', אבער נאך אלעס, יעדער חלום מוז האבן 'דברים בטלים'. ער זעהט דברים, אבער ס'וועט בטל ווערן, ס'מוז נישט זיין אז ס'וועט זיין אמת, ס'מוז נישט זיין אז ס'איז געווען.

אבער, מ'הייבט אן פארשטיין, אז די תורה דערציילט מעשיות, וואס קוקט אויס אזוי ווי מעשיות פון חלומות - ניין, ניין. איינע פון די יסודות וואס פארנעמט אונז א גרויס חלק פון אונזערע לעבן, איז דער נושא פון חלום.

### *מאך א הכנה פאר'ן שלאפן*

דער יסוד וואס קומט ארויס למעשה, אז א מענטש וואס גייט זיך לייגן שלאפן מיט א ריינע מחשבה, מיט א פינטל דבקות, אפילו פון "ואני קרבת אלוקים לי טוב", אדער "חבוקה ודבוקה בך", ער טראכט איך גיי זיך אפלאזן פון די וועלט, איך ליין קריאת שמע, און צו וועמען טשעפע איך זיך צו? צוריק צום באשעפער - ער וועט האבן אנדערע חלומות! ווייל ער לעבט מיט א הייליגקייט, און ער באקומט צוריק אן אנדערע נשמה,

### *לויט ווי מ'לייגט זיך - שטייט מען אויף*

דאס איז דער אר"י הקדוש מפרש מורא'דיג, אז ווען א מענטש, אונז ווייסן נאר דער באוואוסטער כלל, ווי קומט אריין אין דעם ערשטן סימן אין שולחן ערוך, בשעת מען רעדט פון דעם "יתגבר כארי", אז "ובשכבו על משכבו ידע לפני מי הוא שוכב"? נאר עס איז ידוע דער ווארט פון צדיקים, אז לויט ווי מ'לייגט זיך - שטייט מען אויף. אז מ'גייט שלאפן ווי אן 'ארי' שטייט מען אויף ווי אן ארי. אבער אויב מ'וועט גיין שלאפן ווי א צווייטע בעל חי, וועט מען נישט אויפשטיין ווי א ארי -.

### *א ריינערע נשמה*

דאס איז פשוט, אבער באמת טיפער, אין ס'איז מבואר לויטן אר"י, אז א מענטש וואס גייט שלאפן מיט א הייליגקייט, איז די נשמה וואס ער באקומט צומארגנ'ס אינדערפרי - באקומט ער א ריינערע נשמה.

דער אויבערשטער זאל העלפן אונז זאלן באמת מחשיב זיין דעם שלאפן פון א איד. (מ'האט נאר גערעדט דער חלומות פון שלאפן... שלאפן איז נאך א באזונדערע גרויסע סוגיא, פון די מושג פון צוריקגעבן דעם פיקדון און דעם "רבה אמונתך", דאס איז א שיעור לעצמו. ועוד חזון למועד...)

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן לעבן ריכטיג אין די נקודה.

## טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות
**ניתן לפנות בכתובת אימייל:** a8426277@gmail.com
**טל':** 050-417-0448

**א פרייליכע מעלדונג**
די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:
ארץ ישראל - 02-5368970
ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488
הערט און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן
**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**
שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1